# אַלמאַנאַך

אַרויסגעגעבן דורכן פֿאַריין
פֿון ייִדישע שרייבער און
זשורנאַליסטן אין פֿראַנקרײַך



פּאַריז 1960

ה בערלעווי

# אַלמאַנאַך

## פּאַריז — 1960

רעדאַקציע - קאָלעגיע:
ל. דאָמאַנקעוויטש
ל. לענעמאַן
ד"ר ל. קורלאַנד
אַ. שולמאַן
רעדאַקציע־סעקרעטאַר: ב. קוטשער

אַרויסגעגעבן דורכן
פאַראיין פון יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן אין פראַנקרייך

1/63051

וווּנדערבאַרן פאָרם־אוצר פון דער יידישער שריפט און פון דאַנען ווייטער ציִען אינספּיראַציע.

דאָס יידישע אות איז תמיד געווען און וועט שטענדיק בלייבן דער גרונט־שטיין פון יידישער גראַפישער קונסט. און אפשר טאַקע צוגייענדיק צו דער דאָזיקער הייליקער שריפט מיט די נייעסטע דעראָבערונגען פון מאָדערנער פלאַסטיק, וועט דער יידישער קינסטלער אַנטדעקן אין אים נייע קוואַלן פון קינסטלערישער עמאָציע. און אין מאָמענט ווען די אַבסטראַקטע קונסט באַהערשט איצט די וועלט, שווימט אַרויס דאָס יידישע אות אויף דער אויבערפלאַך אַלס אַ וויכטיקער עלעמענט פון אומגעהויערער סוגעסטיווער קראַפט, וואָס איז אין תוך נישט עפּעס אַנדערש, ווי ריינע אַבסטראַקטע פאָרמען אָדער אידעאַ־גראַמען פון הינטער וועלכע ס׳קוקט אַרויס די וועלט פול מיט געהיימנישן....



שער־בלאַט פון אַן אַמסטערדאמער הגדה
געדרוקט אין 18טן יאָרהונדערט



טעאַ אַרצישעווסקאַ

# די זילבערנע לייכטערס

## (פראַגמענט)

געווידמעט מלך ראַוויטשן

אין יום־כּיפּור איז דער הימל אַזוי אַנדערש — אין דעם
טאָג איז דער הימל טונקל און גראָ, אין דעם הימלישן
זילבער באַהאַלט זיך שטילער די פּאַרנאַכטיקע שעה...
אויבן הימל יאָגט מיט אַ פּלאַם — אַ שטומער שוואַרצער רויך, שווערע
טריבע וואָלקנס גייען ווייט ערגעץ אַהין... אין דער הויך...
יום־כּיפּור דאַכט זיך מיר, אַז אין דעם טאָג האָט זיך אַלץ אָפּגעשטעלט —
מיין אָטעם, און דער אָטעם פון דער גאַנצער וועלט.
אין מיין איינזאַמער, פרעמדער פּאַריזער שטוב, אין אַ טיפן ווינקל
רופן מיך שטיל די זילבערנע לייכטערס צוויי —
מיינע מידע אויגן זעען אין זייער געפינקל, אַזוי פיל
יאָרן צוזאַמען מיט זיי... די זילבערנע לייכטערס,
וואָס זענען געבליבן... ווי אַמאָל די ליכט אין זיי פלאַמען,
ס׳פעלן דער טיש, די יידן... די שטיבן, ס׳פעלט דער טאַטע,
ס׳פעלט אונדזער מאַמע...
יום־כּיפּור, מיין נשמה האָט ווי די פלעמלעך געציטערט...
ווי די דינע שפּיצן אַרום מיין מאַמעס הענט. — ס׳שטייען די
לייכטערס ווי צוויי שוועסטערס דערשיטערט, אין זילבער געשלייערט.
די ליכט אין זיי טריפן... זיי קלאָגן, אַלץ אַרום איז זיי פרעמד...
לעבן די לייכטערס, דאַכט זיך, מען דאַוונט... מיין ווייסער טאַטע

אין אַטלאַס, אין זייד, זיינע הענט סאַמעט גלאַטע. מיין האַרץ פלאַטערט
ווי אַ דימאַנט ציטערנאָדל. אין די לייכטערס פינקלען טרערן...
וויינען אַלטע סודות... יום־כיפור — מיין היים איז איינגעהילט
אין שטילער שרעק... די ברידער מיינע וויגן זיך און דאַווענען
אין בלויען פאַרטאָג, אין אַ טיולענעם נעפל...
זייערע קיטלען לייכטן אין דעם בלייכן, ווייסן פלעק —
מיינע שוועסטערס בלאַס ווי די יידישע פערל,
די זילבערנע לייכטערס שטייען טרויעריק פאַרטראַכט...
טאַטע... דער קלאַנג ווערט פאַרלוירן... מיין זיפץ ווערט
פאַרשטומט... מיין האַרץ פאַרקלאַפט און פאַרמאַכט...
יידישע לייכטערס, טייערע שטומע עדות... ווען איך וואָלט געהאַט
מיין האַרץ און אויגן... ווי מיינע גלידער וואָלט איר זיך צעבויגן,
צעגאַנגען אין פייער ווי אונדזערע קרובים...
טייערע לייכטערס פון מיין אַלטער היים, ווען איר וואָלט
געקאָנט זען און הערן... איר זעט נישט לייכטערס,
ווי עס לעשט זיך אויס מיין לעבן... און ווייסט נישט —
אַז באַלד וועט איר שטיין לעבן מיר, און די ליכט
וועלן טריפן שטיל... מיט פאַרגליווערטע טרערן...
שטילער און שטילער... ביז אייביק שטיל וועט שוין ווערן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

און לאַנג אין דער נאַכט האָב איך עלנט צו די זילבערנע
לייכטערס גערעדט... און לאַנג האָט מיין האַרץ נאָך
די יידישע לייכטערס געגלעט...



ב. באַרווין־פרענקעל

# אַ באַזוך ביי מאַרק שאַגאַל

סאַן פאָל דע וואַנס, איז פאַר דער מלחמה געווען אַ רואיק־פרידלעך פראַנצייזיש שטעטל פון „קאָט ד׳אַזיר". פון צייט צו צייט פלעגן דאָ אַהערקומען מאָלער פון פאַריז, צוליב דער שיינקייט פון דעם מיטלאַלטער שטעטל, וואָס איז געבויט ווי אַ פעסטונג אויף אַ שפּיץ באַרג.

היינט איז סאַן פאָל דע וואַנס געוואָרן אַ טוריסטן־צענטער, אַ „פעסטונג" פון די „מאָדערנע שטרעבונגען" און ... סנאָביזם.

דאָס שטעטל וואַנס, וואָס געפינט זיך צופוסנס פון סאַן פאָל, איז אַ סך גרעסער, בעל־הביתישער און זעט אויס ווי אַ גאָרטן. דער הימל איז דאָ כמעט תמיד בלוי, די לופט איז דורכגעזאַפּט מיט אָפּפרישנדיקן אָטעם פון מיטל־לענדישן ים. דאָס שטעטל, פול מיט רויש פון פאָנטאַנען, מיט די מאָלערישע פלעצער, גערטנער און העל־ראָזאַווע הייזקעס — זעט אויס ווי ס׳וואָלט דאָ תמיד געהערשט אַ יום־טוב.

דער גרויסער מאָלער מאַרק שאַגאַל, האָט דאָ אויסגעקליבן זיין רעזידענץ. זיין אַדרעס האָב איך נישט געקענט. אָבער דאָס איז אַ קלייניקייט. די ערשטע בעסטע איינוווינער ווייזן אָן ווו עס וווינט דער מייסטער, און זיי זענען דערפון שטאָלץ, ווי זיי זענען שטאָלץ מיט דער „שאַפּעל", וואָס מאַטיס האָט פּראָיעקטירט און אויסגעמאָלן.

שאַגאַלס ווילע ליגט אַ ביסל דערווייטערט פון שטעטל, צווישן וויין־גערטנער און סעדער. לעבן דעם דאַטשע־הויז איז פאַראַן אַ נעבן־געביידע, ווו עס געפינט זיך שאַגאַלס אַטעליע.

ווען איך בין אַריינגעקומען איז שאַגאַל געווען אין זיין אַטעליע.